# דר. שמואל סאָלאָווייטשיק — גרויס אין תורה און וויסנשאַפט

וועלכער איז די טעג געשטאָרבען אין ניו יאָרק. — ער איז געווען פּראָפעסאָר פון כעמישע וויסענשאַפטען. — ער איז געווען וועלט־באַרימט מיט זיין ערפינדונג אין עפענען נייע וועגען אין קלאַסיפיצירען די אָרגאַנישע עלעמענטען פון כעמיע. — זיין גרויסקייט אין תורה.

פון

## הרב אהרן בן ציון שורין

די פּלוצלונגע פטירה פון דר. שמואל סאָלאָווייטשיק, נ"ע, אין עלטער פון 58 יאָר, האָט ארויסגערופען גרויס טרויער און צער אין דער רבנ'ישער און ישיבה'שער וועלט פון אַמעריקע, און אויך אין אַנדערע קרייזען — די, וועלכע האָבען אים גוט געקענט. אַ באַווייז פאַר דעם קאָן דינען די ריזיגע לוויה פון טויזענטער מענשען, וועלכע איז פאָרגעקומען פון ישיבת רבי יצחק אלחנן (ישיבה אוניווערזיטעט), לעצטען מאָנטאָג, י"ז אדר א׳, תשכ"ז (פעברואר 27, 1967).

ביי דער לוויה האָט מען געזעהן הונדערטער רבנים, ראשי־ישיבה און תלמידים פון אַלע ישיבות, און, פאַרשטעהט זיך, די אַלע תלמידים פון ישיבת רבי יצחק אלחנן, מיט זייערע רביים און פאַקולטעט מיטגלידער, בראש מיט׳ן פרעזידענט פון דעם ישיבה־אוניווערזיטעט און ראש הישיבה, הגאון רבי שמואל בעלקין, וועלכער איז געווען דער ערשטער מספיד צו זיין דר. שמואל סאָלאָווייטשיק.

צווישען די באַגלייטער האָט מען אויך געזעהן די באַריהמטע ראשי ישיבה, די גאונים: רבי משה פיינשטיין, ראש הישיבה פון דער מתיבתא תפארת ירושלים; רבי יעקב קאַמענעצקי, ראש הישיבה פון דער מתיבתא תורה ודעת און רבי יצחק הוטנער, ראש הישיבה פון דער מתיבתא רבי חיים בערלין.

די אַנדערע מספידים זיינען געווען די צוויי ברידער פון גרויסען נפטר: הגאון רבי יוסף דוב סאָלאָווייטשיק, ווי אויך צוויי תלמידים פון דר. שמואל סאָלאָווייטשיק: דוד מילער, פון ישיבה יוניווערסיטי, און זאב לעוויטאַן, וועלכער לערענט איצט אין דער פילאַדעלפיער ישיבה.

די אַלע מספידים האָבען זיך באַזונדערס אָפּגעשטעלט אויף דער זעלטענער שעהנער פערזענליכקייט פון דר. שמואל סאָלאָווייטשיק, וואָס איז געקומען הויפּטזעכליך צום אויסדרוק ניט נאָר אין זיינע גרויסע לייסטונגען אויפ׳ן געביט פון כעמישער וויסענשאַפט, וואו ער איז געווען, אגב, זעהר גרויס און וועלטבאַריהמט, נאָר בעיקר אין זיינע מעשים טובים.

עס איז גאָר באַזונדערס פון אַלעמען אַרויסגעבראַכט געוואָרען זיין זעלטענע צניעות׳דיגע, פאַרבאַהאַלטענע, חסדים און צדקה, מיט וועלכע רבי שמואל סאָלאָווייטשיק האָט זיך גאָר באַזונדערס אויסגעצייכנט.

דער אמת איז, אַז נאָך מער ווי עס איז ביי דער לוויה דערצעהלט געוואָרען — ווייסען יחידי־סגולה, צוליב געוויסע צופאַלען, אַז זיינע צדקות האָט ער געפירט אויף אַזאַ וועג, אַז דער מקבל האָט אַפילו ניט געוואוסט, אַז ער ר׳ שמואל איז עס דער געבער.

און אַזוי ווי ער איז געווען אַ באַהאַלטענער אין זיין פערזענליכען לעבען און אין זיינע פערזענליכע פירונגען, אַפילו פון זיינע נאָהענטסטע משפחה מענשען, אַזוי איז ער אויך געווען אין אַ געוויסער מאָס, באַהאַלטען, אַפילו אין זיין עפענטליכען לעבען, וואו ער האָט, דאַכט זיך, דורך יאָרען געלערענט מיט טויזענטער תלמידים — און דאָך איז ער געבליבען דער צנוע (צאַנוא), דער עניוות׳דיגער גייסטיגער תורה־אַריסטאָקראַט.

דר. סאָלאָווייטשיק אַליין האָט פּרובירט טאַקע זיך פאַרשליסען מיט אייזערנע שלעסער, אָבער די תלמידים זיינע, די נאָהענטע מענשען און מיטאַרבעטער, האָבען דאָך פאַרשטאַנען און געוואוסט ווי געהעריג אָפּצושאַצען זיין זעלטענע פערזענליכקייט.

דר. סאָלאָווייטשיק איז גראָד יאָ געווען אַ געזעלשאַפטליכער מענש, אַ געשמאַקער שמועסער אין אַלע געביטען פון לעבען, אין תורה ווי אין וועלטליך וויסען; אין שיחת חולין של תלמידי חכמים, ווי אין וועלט פּאָליטיק. אָבער דער מיטשמועסער, כאָטש וויסענדיג זיין גרויסקייט, האָט פונדעסטוועגען געפילט ווי ער רעדט ווי אַ חבר צו אַ חבר. אַזוי האָבען אויך געשפירט זיינע תלמידים. און טאָמער האָט אַ תלמיד געדאַרפט אַ טובה, אַ געפעליגקייט, איז ניט געווען קיין גרעניץ צו זיינע באַמיהונגען דאָס צו טאָן, און מיט שמחה. און אַ סך פון זיינע תלמידים, וועלכע האָבען שוין דערגרייכט צו גאַנץ גרויסע פּאָזיציעס אין זייער לעבען, האָבען וויפיל מאָל דערצעהלט, אַז ווען ניט דר. שמואל סאָלאָווייטשיק וואָלטען



דר. שמואל סאָלאָווייטשיק

דער גמרא, אַזוי אַרום האָט ער ליכטיג געמאַכט די אויגען פון זיינע תלמידים אין ביידע געביטען — פון תורה און וויסענשאַפט. תלמוד און כעמיע האָבען זיך דאָן „געקאָכט" ביי אים אין איין לאַבאָראַטאָריע, פונקט ווי די „ביידע" האָבען שטענדיג געפונען אַן אָרגאַנישע פאַרבינדונג אין זיין גרויסען קאָפּ און מוח.

זיינע ביידע ברידער, רבי אַהרן און רבי יוסף בער — פון די גרעסטע גאונים פון דור — האָבען עדות געזאָגט אין זייערע הספדים, אַז ווען זיי פלעגען אַמאָל לערנען צוזאַמען מיט אים אַ בלאַט גמרא מיט ראשונים, און זיי האָבען גראָדע שוין געהאַט געלערענט די זעלביגע סוגיא פיל מאָל פריהער, פונדעסטוועגען איז זיי עס דאָך געווען שווער צו פאַרשטעהן, ווי ס׳איז אַמאָל דער שטייגער ביי לומדים — אָבער „אונזער ברודער", רבי שמואל — האָבען זיי באַטאָנט — האָט מיט אַ זעלטענער ליכטיגקייט און שנעלקייט באַוויזען, אַז דער, אָדער יענער תוספות איז גאָר ניט שווער...

דאָס איז אַזוי געווען, ווייל ער, רבי שמואל, האָט פאַרמאָגט ניט ניט נאָר אַ זעלטענעם עילוי׳אישען קאָפּ, נאָר ווייל ער איז אויך געווען געבענטשט מיט אַ געוואַלדיגן אַנאַליטישען מוח, און דערצו מיט אַ גרויסער און טיפער בקיאות אין ש"ס. און לאָמיר שוין אויך צוגעבען, אַז אין דעם זעלבען קאָפּ איז אויך געלעגען אַ געוואַלדיגער פאָטאָגראַפישער זיכרון, וואָס איז זעלטען צו געפינען. אַלץ וואָס ער האָט געלערענט האָט ער געדענקט, און דעריבער איז שוין קיין וואונדער ניט, וואָס ער האָט אויך פאַרמאָגט אַ טיפע קענטעניש אין נאָהענט צו אַ צענדליג שפּראַכען.

ווי אַ קינד פון אַ גרויסער מיוחס׳דיגער משפחה, האָט ער טאַקע אויך געוואוסט די פליכטען וואָס אַזאַ

דר. שמואל סאלאווייטשיק וואלטען זיי ניט געווען דאס וואס זיי זיינען געווארען. און אלץ האט ער געטאן מיט צניעות.

אויך אויפ׳ן געביט פון כעמישער וויסענשאפט, וואו ער האט געעפענט נייע וועגען אין קלאסיפיצירען די ארגאנישע עלעמענטען פון כעמיע, וואס די ניו יארק „טאימז" האט די טעג געשריבען, אז זיינע דערגרייכונגען קאנען פארגליכען ווערען צו די גרויסע ענטדעקונגען אויף דעם געביט פון 19טען יארהונדערט, און וועגען וועלכע דר. סאלאווייטשיק האט אליין געשריבען אין וויסענשאפטליכע זשורנאלען פון וועלט־פארנעם — האבען אפילו זיינע נאהענטסטע פאמיליע מענשען ניט געוואוסט אויף ווי ווייט דאס האט אנגעשלאגען אין דער וועלט פון וויסענשאפט. ער האט פשוט זיי קיינעם ניט דערצעהלט.

ערשט די טעג, ווען דר. שמואל סאלאווייטשיק איז געלעגען אין האספיטאל, האבען די פאמיליע־מענשען געפונען אין זיין היים א בריף־אויסטויש — פון פיל צענדליגער בריף — פון געלערענטע פון דער גאנצער וועלט, פון אלע באריממטסטע קאלעדזשעס און אוניווערזיטעטען, וועלכע האבען געבעטען מיט גרויס יראת הכבוד, ער זאל זיי צושיקען קאפיעס פון זיינע געדרוקטע שריפטען. אזוי באהאלטען איז ער געווען.

אוודאי האט ער געשריבען און גערדרוקט — פאר די, וואס האבען א שייכות צו דעם. אבער גלאט רעדען וועגען דעם, דערצעהלען אפילו צו אייגענע, ווי ס׳איז דער שטייגער פון מענשען, דאס ניט. דאס איז ניט געווען אין זיין נאטור. זיין נאטור איז גאר געווען: צניעות, פארבאהאלטענקייט, פשטות. מיר דוכט: ווען ער וואלט געקאנט באהאלטען אפילו פון זיך אליין — וואלט ער עס פון זיך אליין אויך באהאלטען. אזוי באשיידען איז ער געווען.

און אזוי ווי ער האט פרובירט באהאלטען ז י ך אין דער וועלט פון וויסענשאפט, און מ׳האט אים דאך געפונען, פונקט אזוי האט ער ז י ך באהאלטען אויך אויף דעם געביט פון תורה־לערנען. און אויך אין דעם געביט האט ער זיך ניט געקאנט באהאלטען. ווארים, ווען א סטודענט — א ישיבה בחור — וואס האט גאר געלערענט ביי אים כעמיע, ווען עס איז אים שווער געווען א סוגיא אין דער גמרא — איז ער אויך געקומען צו זיין פראפעסאר סאלאווייטשיק, און ער האט געקנעלט מיט אים ביז ער האט דעם ישיבה־בחור קלאר געמאכט די שווערע סוגיא אין דער גמרא.

נאך מער: ביי ר׳ שמואל סאלאווייטשיק׳ס א לעקציע אין קאלעדזש, איבער כעמיע, האט ער גאנץ אפט אויך פארבונדען א „כעמישע פארמולע" מיט א סוגיא פון

געוואוסט די פליכטען וואס אזא משפחה־קרוין טראגען מיינט פאר אים. עס האט געמיינט, צו שפינען ווייטער די גאלדענע קייט פון תורה און אידישקייט ביי אידען, אין גייסט פון זיינע גרויסע עלטערען און זיידעס.

זיינע דערמאנטע ברידער זיינען באריהמטע ראשי־ישיבה. דאס גלייכען איז געווען זייער גרויסער פאטער, דער גאון רבי משה סאלאווייטשיק — א ראש־ישיבה אין אמעריקע, אין ישיבת רבי יצחק אלחנן, און פריהער, אין דער ליטע, אין ראסיין. אזוי אויך זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס.

אויך רבי שמואל סאלאווייטשיק, כאטש זיין אפיציעלע פאזיציע איז גאר געווען אלס א פראפעסאר פון כעמיע אין ישיבה אוניווערזיטעט פאר די לעצטע צוואנציג יאר, דאך האט ער אויך מעמיד געווען תלמידים אויך אין תורה, און, דער עיקר, מיט זיינע שעהנע מידות און זעלטענער הנהגה, פון וועלכע די תלמידים האבען א סך געלערענט. איך וואלט זיך אויסגעדריקט, אז ער איז געווען א סארט קאמבינאציע פון ראש־ישיבה און פראפעסאר צוזאמען, און אלץ אהן סתירות. ווארים ביי דר. שמואל סאלאווייטשיק האבען געהויזט צוזאמען אין פולער הארמאניע די תורה און די וועלטליכע וויסענשאפט.

און זעהר טרעפליך האט געזאגט הרב דר. שמואל בעלקין אין זיין הספד: דר. סאלאווייטשיק, האט ער געזאגט, איז געווען א מושלם אין אלע געביטען: אין תורה, וויסענשאפט און מידות. און דערביי האט ער אונטערשטראכען, אז עס איז גאנץ שווערליך צו זיין א מושלם.

ווי דער הויפט פון ישיבה־אוניווערזיטעט, האט ער באטאנט, איז דר. שמואל סאלאווייטשיק געווען זייער באליבט ביי זיינע תלמידים, און מיט דער זעלביגער ליבשאפט האבען אים די תלמידים אפגעצאלט.

דר. בעלקין, ווי א נאהענטער פריינט פון דער משפחה, האט געוואוסט צו באמערקען, אז רבי שמואל האט שטענדיג געזעהן פאר זיך די הערליכע געשטאלט פון זיין גרויסער מוטער, די רביצין פעשע סאלאווייטשיק, ע"ה, די גרויסע מלומדת און זעלטענע בעלת מידות, די טאכטער פון דעם גאון רבי אליהו פרוזשינער. און זי איז געווען זיין מאדעל אין לעבען.

די מוטער, האט דר. בעלקין געזאגט, האט ליב געהאט אלע אירע קינדער און זי האט זיי אלעמען אנגעטאן די היסטארישע „כתונת פסים", אבער אויף מער פון אלעמען האט זי אנגעטאן איר „כתונת פסים" אויף איר זוהן רבי שמואל סאלאווייטשיק. און אט דער מ א ־ מ ע ־ מ א ד ע ל האט זיך גאר באזונדערס אנגעזעהן אין אלע מעשים טובים פון דר. שמואל סאלאווייטשיק. ת נ צ ב ה.